בס"ד

# שאלות ותשובות

עם זקן
חסידי ברסלב
הגה"צ רבי יעקב
מאיר שעכטער
שליט"א

גליון א'
חודש כסלו
תשפ"ד
לפ"ק

איבערגעגעבן געווארן:
**יום ג' חיי שרה תשפ"ד** לפ"ק **לחבורת בחורי ברסלב**

**תוכן השו"ת:** עס איז נישט אין חשבון | וואס מיינט התקשרות צום רבי'ן? | סיפורי מעשיות א משל אויף ליקוטי מוהר"ן | די מופתים פון רבי'ן | לעורר לבי | חבורות | התעוררות ביי ליקוטי תפילות | נייעס קען צונעמען דיין לעבן | ויאמינו בה' ובמשה עבדו | מה יפה ירושתינו | וואס איז גוט? | מיר האבן א רכוש | חזקו ואמצו!

די ערשטע זאך פון ברסלב איז שמירת הברית במסירות נפש ממש; זיך נישט צוטון מאכן פאר קיין שום זאך אין דער וועלט. סיי במחשבה זיין הייליג, סיי בדיבור, סיי במעשה, דער שטארק'סטער סור מרע, ווי מען זאגט **'עס איז נישטא אפילו אזא זאך'** אויף אזוי ווייט, מען דארף האבן אויף דעם מסירת נפש ממש ממש! ממש מיט די גאנצע כוחות.

לעומת זה; אויכט חס ושלום חס ושלום חס ושלום מען פאלט דורך, **גלייך ארייגלויפן אין די קדושה אויפן שטארקסטן אופן! זיך נישט מייאש זיין בשום אופן נישט!** אוודאי דארף זיין אז עס זאל נישט קענען פאסירן אזא זאך, אבער עם כל זה עס פארסירט אזא זאך, אריינלויפן אין די קדושה צוריק, מסירות נפש, און זיך נישט מייאש זיין בשום אופן שבעולם, זאלסט זיך פירן ווי דער גרעסטער שומר הברית גלייך נאכדעם, ביז עס וועט ווערן איינגעבאקן גאר גאר שטארק אז מען ווערט א מציאות פון קדושה.

## עס איז נישט אין חשבון

***השואל: וויאזוי מאכט מען עס, עס איז דא אזעלכע שווערע נסיונות, וויאזוי איז מען זיך מתגבר?***

ביי דער שומר הברית דארף נישט זיין אזא זאך אמאל, מען איז נישט אין דעם שטח אינגאנצען, מען איז נישט אין דעם שטח אינגאנצען! עס איז דא א נסיון; עס איז נישט אין מיין שטח. איז פשט אז דער טראכט - נישט, קען אויך זיין אמאל א פגם. עס איז נישטא אזא זאך, עס איז נישטא אזא זאך!

דאס איז א זאך וואס יעדער איינער זאל האבן חכמה וויאזוי עס אנצונעמען די זאך, נישט דא אזא זאך, במסירות נפש, מען דארף עסן מען דארף טרינקן מען דארף שלאפן, מען דארף לערנען מען דארף דאווענען, אבער דאס איז נישטא אין חשבון אינגאנצען, ווען עס איז דא א חשבון איז שוין דא א מלחמה, עס איז נישטא! עס איז נישטא קיין חשבון אינגאנצען!

דער אויבערשטער זאל אייך חונן דעת זיין וויאזוי עס אנצונעמען, און עס זאל מצליח זיין.

## וואס מיינט התקשרות צום רבי'ן?

***השואל: דער רבי זאגט אגאנצען צייט אין ליקוטי מוהר"ן אז מען דארף זיך מקשר זיין צום רבי'ן, וויאזוי איז מען זיך מקשר צו א רבי וואס איז שוין איבער צוויי הונדערט יאר לעבט ער נישט אויף אונזער וועלט?***

***וואס מיינט דאס מיר זענען זיך מקשר מיט אים?***

לעבן מיט די דיבורים פון רבי'ן!

**די דיבורים פון רבי'ן דאס איז דער רבי!** קיום דעם רבינ'ס עצות דאס איז די התקשרות צום רבי'ן!

און אויכט אין ליקוטי מוהר"ן ווי מען פארשטייט נישט, זאל מען לערנען אין ליקוטי מוהר"ן, און יעדע שטיקל איינחזר'ן כמה וכמה פעמים, נאכאמאל נאכאמאל, דערנאך א צווייטע שטיקל, דורכרעדן די התקשרות פון דעם פריערדיגן סעיף צום צוויטן סעיף, ליגן אין דעם, דאס איז ראשית א לומדישע זאך, א גישמאקע זאך, א לומדישע זאך, ווי ווען מען ענדיגט א תורה קען מען מקשר זיין די אנהייב מיטן סוף מיטן אינמיטן.

און עס איז פיל מיט רוח הקודש! מען געפינט זיך אין אן אנדערען שטח אינגאנצן, נישט פשט אז מען דארף זיך שלאגן מיט די יצר הרע, עס איז נישטא קיין יצר הרע! עס איז דא דער הייליגער רבי, עס איז דא זיינע הייליגע דיבורים!

יעדע דיבור פון רבי איז א חלק רבי, מען איז זיך מקשר צו דעם, קען מען האבן א התקשרות צום רבי'ן.

## סיפורי מעשיות א משל אויף ליקוטי מוהר"ן

איך וועל געבן א משל 'סיפורי מעשיות', סיפורי מעשיות רעדט דער רבי סתרי סתרי תורה, און דער רבי האט עס מלבוש געווען אין א מעשה, דא זעהט מען די חכמה פון רבי'ן, מען קען נעמען הויכע הויכע השגות און עס מלבוש זיין אין א מעשה, און מען לערנט טאקע סיפורי מעשיות מיט דעם צושטעל פון טשעהרינער רב, אפילו ער איז נישט מבאר אינגאנצן, אבער מען זעהט ווי ער טייטש אפ דער ביסל וואס ער טייטש אפ. זעהט מען עפעס וואס איז ליקוטי מוהר"ן.

א ספר נפלא - מעשיות נפלאות, דער רבי טייטש איין זאכן וואס איז געווען קודם הבריאה, דער אויבערשטער האט מלבוש געווען אזא מין השגה אין א מעשה פשוטה, וואס דאס האט געקענט נאר דער הייליגער רבי! און אפילו בשפטות איז עס א שיינע מעשה, א גישמאקע מעשה, אבער מען קען עס לערנען אזוי ווי מען לערנט כתבי אר"י ממש, כתבי אר"י ממש, וואס ממש יעדע ווארט איז קבלה, הייליגע קבלה אזוי ווי כתבי האר"י, און נאכמער ווי כתבי האר"י.

## די מופתים פון רבי'ן

און ליקוטי מוהר"ן לערנען גוט ווי ס'דארף צו זיין.

בראשית כל איז דא א ענין פון 'זאגן' ליקוטי מוהר"ן, מען זאגט ליקוטי מוהר"ן דערהערט מען נאך א ענין, נאך א ענין, יעדע ענין אין ליקוטי מוהר"ן איז א נייער ענין אין קדושה, מען זאגט עס אסאך, טוט עס אסאך אויף.

עס איז צוויי זאכן אין דעם רבינ'ס זאך: זאגן דעם רבינ'ס ספרים, זאגן אלע טאג א תורה פון אנהייב ביזן סוף, אז מען קען אפילו עטליכע מאל, איז מען אריינגעאנגען אין די קדושה אינעווייניג, און צו דעם לערנען גוט, [עס דארף נישט איבערגיין איבער דעם מאס], גוט לערנען בעמקות ווי ס'דארף צו זיין, זעהט מען די לומדות פון רבי'ן, און די גאונות פון רבי'ן, די חכמה פון רבי'ן.

**ליקוטי מוהר"ן איז א מופת פון רבי'ן!**

**סיפורי מעשיות איז א מופת פון רבי'ן!**

**עס איז מופתים מופלאים!**

אז מען זאגט ליקוטי תפילות אויף די תורה איז עס א שיינער פשט אויף די תורה, קען מען ממש מקשר זיין, אין תפילות איינטייטשן אין דעם רבי'נס ווערטער, איז דאס א דבר המושלם, לערנען די תורה אין ליקוטי מוהר"ן מיט די תפילה עטליכע מאל, ווערט אריינגעאנגען א סוגיא פון אידישקייט אין זיך, יעדער תורה אין ליקוטי מוהר"ן איז א סוגיא פון אידישקייט, גייט אריין א געוויסע סוגיא אין

אידישקייט, און עס ווערט ארומגענומען מיט כמה מצות, כמה סארטן עבודות, און מען לעבט מיט דעם.

דאכט זיך אז רבי אברהם ב"ר נחמן'ס דאס איז געווען זיין עבודה, לערנען א תורה, און דינען דעם אויבערשטן מיט די תורה, דאווענען מיט די תורה, לערנען מיט די תורה. האט ער אמאל געזאגט אז **ער האט שוין אויסגעדינט דעם אויבערשטן מיט גאנץ ליקוטי מוהר"ן!** [עס איז געדריקט די זאך].

**דאס איז ברסלב – ביים לערנען דעם רבי'ן, אין מקיים זיין למעשה!**

### לעורר ליבי

***השואל: מען געפינט זיך אין א ישיבה ווי מען לערנט אויכט גמרא א גאנצן טאג, וויפיל דארף א בחור משקיע זיין א טאג אינעם רבי'נס ספרים?***

מען דארף לערנען ביז מען ווערט אויף עפעס נתעורר. אז מען שפירט א התעוררות, אה! קען איך לעבן מיט די התעוררות.

איך געדענק איך בין געווען א בחור, איך בין אריינגעגאנגען אין ברסלב'ע שול, איך האב געקוקט אין רבינ'ס ספרים, איך האב געזעהן א זאך וואס האט מיר באנומען, איך בין געגאנגען אין ישיבה, איך האב געלעבט מיט דעם ווארט א גאנצע מיטאג. אזוי האב איך געמאכט אזא זאך אלע (- יעדע) פאר טאג.

### חבורות

***השואל: מיר פרעגן, אז זיי נעמען זיך צוזאם די ברסלב'ע בחורים איינמאל א וואך צוזאמען, אויב עס איז דא א ענין אין דעם, אז מען זיצט צוזאמען און מען זינגט, אפילו מען האט נישט קיין עקסטערע דיבורים? איז דא א ענין אין דעם?***

יא יא! עס איז דא א ענין!

אפילו מען איז געזעצן און מען האט גארנישט גערעדט האט מען אויפגעטון, מען האט אויפגעטון אז מען איז געווען צוזאמען און מען האט געוואלט רעדן, אלע ווילן מקורב ווערן צום אויבערשטן, אלע ווילן מקרב זיין דעם רבינ'ס עצות צוזאמען, האט דאס שוין אויפגעטון.

### התעוררות ביי ליקוטי תפילות

***השואל: איינער וואס זאגט ליקוטי תפילות און ער שפירט נישט קיין התעוררות אין דעם?***

מיט דער צייט וועט ער שפירן א התעוררות, עס איז נישטא וואס צו רעדן! מיט דער צייט וועט ער שפירן א התעוררות!

מען זאגט פאמעלאך פאמעלאך, מען זאגט, מען זאגט עברי מיט טייטש, מיט דער צייט דערוועקט מען זיך.

ביי יעדע זאך איז אזוי, ביי גמרא איז אויכט אזוי, עס איז דא וואס האבן חיות פון גמרא, און עס איז דא וואס האבן נישט קיין חיות, אז מען זיצט און מען האלט און איין לערנען באקומט מען א חיות!

### נייעס קען צונעמען דיין לעבן!

***השואל: מען געפינט זיך יעצט אין א מלחמה, מטבע העולם אז בחורים האבן ליב צו הערן נייעס וואס טוט זיך א גאנצע צייט?***

דער אמת איז אזוי, עס איז גענוג אז מען הערט נייעס, ווייסט ער. וואס דארפסטו ווייטער טוען, ממילא א תוספות איז פאראן מען וויל נאכמאל הערן, נאכמאל הערן, נייעס, פון איינמאל הערן איז אויכט גענוג.

דער ליגן אין דעם איז א גיוואלדיגע עוולה, מען דארף ליגן אין תוספות, אין א מצוה. שוין האסטו געהערט וואס טוט זיך, דארף מען מתפלל זיין פארן אויבערשטן עס זאל זיך אויסדרייען לטובה ולברכה. **אבער ליגן אין דעם קען צונעמען די גאנצע לעבן! די גאנצע לעבן קען עס צונעמען!**

אנשטאט צו דורכטון א סוגיא אין ש"ס ווי ס'דארף צו זיין, טוט מען דורך א נער'שקייט, צו אזא ווארט צו אזא ווארט, אזעלכע פאליטיק אזעלכע פאליטיק, וואס עס בלייבט פון דעם גארנישט מיט גארנישט. טוט מען דורך א תוספות האט מען דערפון לעולמי עד ולנצח נצחים, אז מען לערנט א בלאט גמרא האט מען דערפון לעולמי עד ולנצח נצחים.

### ויאמינו בה' ובמשה עבדו

***השואל: וואס איז פשט אז מיר דארפן גלייבן אין רבי'ן, און די אלע גרויסע צדיקים אין די צייטן פון רבי'ן האבן זיך נישט מבטל געווען פארן רבי'ן.***

זיי האבן נישט געוואוסט די גרויסקייט פון רבי'ן!

למעשה האט זיך דער רבי שטארק פארשטעלט אויכט, דער רבי האט זיך גאר שטארק פארשטעלט, בחצוניות האט דער רבי גערעדט בעל-בת'יש, פארשידענע זאכן וואס פארמאכטערהייט איז ער געווען דבוק צום אויבערשטן בכלות הנפש, ברבים ובחצוניות האט ער געפירט זייער רואיג, בתמימות ובפשיטות, דאס איז געווען דעם רבינ'ס גאנג.

### מה יפה ירושתינו

מיר האבן א רכוש, לערנען ליקוטי מוהר"ן איז א רכוש, יעדע תורה דורכטון כמה פעמים, א סוגיא אין אידישקייט, מען טוט דורך נאך א תורה - איז נאך א סוגיא אין אידישקייט, סיפורי מעשיות לערנען מיט ווי די טשעהרינער רב רירט אן אביסל דעם ענין, ווי עס איז א העכערע זאך.

איך געדענק אפילו רבי שמואל שפירא (זצ"ל) האט געלערנט ספר המדות; א פסוק ספר המדות, דורכגעזאגט נאכאמאל נאכאמאל נאכאמאל, ביז עס איז אריינגעגאנגען אין אים, דערנאך נאך א פסוק אין ספר המדות. אזוי איז ער געווען מקושר צום רבי'ן דורך דעם רבינ'ס דיבורים!

### וואס איז גוט?

יא! דער אויבערשטער זאל העלפן אונזער הארץ זאל זיין צו די איין נקודה: 'קרבת אלקים'!

דוד המלך האט געזאגט: **"ואני קרבת אלקים לי טוב"**, ווילסט וויסן וואס איז גוט? איין גוט איז דא 'קרבת אלקים'.

נא! מיר האבן א ליקוטי מוהר"ן, מיט ליקוטי תפילות, דאס איז הוילע קרבת אלקים, וכל שכן אז עס איז קרבת אלקים פונעם הייליגן רבי'ן, וואס האט געקוקט, ער איז געווען דער צדיק הדור, ביז משיח וועט קומען האט ער געזאגט, דארף מען עס טאקע וויסן, ווייל עס איז פאר אונז, יעדע נשמה פון אונז בעזר ה' יתברך!

### נעים זמירות ישראל

און אויכט דער רבי זאגט אז מען קען זיך אויסרעדן אויפן (- מיטן) תהלים, יעדע איד קען זיך אויסרעדן אין תהלים אלעס וואס גייט אויף אים איבער. דוד המלך האט עס געזאגט ברוח הקודש, ער איז געווען שורש נשמות ישראל, און ער האט עס געזאגט ברוח הקודש גבוה אז יעדער איינער קען זיך געפינען אין דעם, מען דארף עס נאר מקיים זיין, זאגן תהלים, אויסטייטשן יעדן פסוק אויף זיך.

עס איז געווען אמאל אונזערע לייט וואס פלעגן קענען א פאר ווערטער פון תהלים זאגן אפאר שעה נאכאנאנד, אזא חיות האבן זיי געשפירט.

### מיר האבן א רכוש

על כל פנים אלעס טון בתמימות ובפשיטות, האבן א ליקוטי מוהר"ן, מיט א ליקוטי תפילות, מיט א סיפורי מעשיות, עוסק זיין אין דעם, אסאך מאל מען לערנט סיפורי מעשיות גיט אביסל א שיין צו טראכטן: **"פארוואס האב איך אלע טאג נישט געלערנט די סיפורי מעשיות?!"**

אבער מיר האבן א רכוש, א הוספה צו די אידישקייט וואס דער רבי האט אונז געגעבן, אראפגענעמען פון הייליגע ענינים, סיפורי מעשיות איז רוח הקודש גבוה מאד, וואס דער רבי זאגט וואס האט זיך אפגעטון נאך פון פאר די בריאה, דארף מען עס לערנען, און מען דארף זיך מחיה זיין פשוט אין שכל, און מיט דעם איז מען מקושר צום רבי'ן!

און אזוי ליקוטי מוהר"ן און אזוי ליקוטי תפילות, דעם קיום פון רבינ'ס עצות דאס איז דער קשר צום רבי'ן! די אלע מחשבות (- של קשיות ובלבולים): מיר האבן נישט קיין השגה אין רבי'ן, די השגה אינעם הייליגן רבי'ן איז די סיפורי מעשיות פון הייליגן רבי'ן, ליקוטי תפילות, ספר המדות, ווי מען האט געזאגט דאס איז די התקשרות צום רבי'ן.

ממילא קען מען זיין גאנץ רואיג, מען דארף זיך נישט פארטומלען, מיר האבן גאר א הייליגן רבי'ן, מיר האבן זיך אויף ווענמען צו פארלאזן, און עס איז א רכוש גדול, מען האט אזא ליקוטי מוהר"ן, אזא ליקוטי תפילות, מיט ליקוטי הלכות, און ספר המדות.

עס איז א רכוש גדול וואס פילט אונז אן מיט קרבת אלקים בתכלית השלימות!

### חזקו ואמצו

**חזקו ואמצו!** זייט'ס געבענטשט, עטס זאל זוכה זיין צו זיין תלמידי חכמים עוסקים בתורה ובמצוות, און שומרי הברית, ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף דעם וועלט, און עטס זאלטס זוכה זיין חתנוה צו האבן, האבן קינדער עוסקים בתורה ובמצוות, **חזקו ואמצו, חזקו ואמצו!**

**הגליון נתנדב על ידי אברכי אנ"ש בעיר וויליאמסבורג לרגל השמחה הגדולה בחנוכת בית המדרש אברכים ברסלב הגדול והמפואר**